# רחל קוגעלמאַס

## פֿרײַטיק אין דער ביבליאָטעק

פֿרײַטיק.

הונדערט יונגטלעכע פֿאַרפֿאַקן אַ דירה, קאָפּ אויף קאָפּ. און די צימערן נישט קיין גרויסע. דאָס ליכט — פֿאַרטונקלט. דער טומל — שיעור נישט דערשטיקנדיק. די פֿלעשער — שוין ליידיק, צעוואָרפֿן פֿריילעכערהייט אויף שוין איבערפֿולע מיסטקאַנס. סיגאַרעטן-רויך, שווייס, לאַכן, נאַרישע רייד. גופֿים קלעפּיקע. זײַטיקע בליקן און האַלב אָפֿענע מײַלער. שפּיצלעך צונגען ווײַזן זיך אַרויס. ס׳דאַכט זיך הפֿקר, נאָר ס׳איז נישט אַזוי. ס׳איז דאָ איין כּלל: דאָס טאַנצן.

מע טאַנצט. ס׳טוט זיך קיין אָבֿר נישט רוען. די גאַנצע וועלט שפּרינגט זיך אַרויף און אַראָפּ ווי אויף שפּרוזשינקעס. קיין פּנים געפֿינט זיך אָן אַ שמייכל — אמתדיק צי שיכּורהייט געמאַכט. יאָ, אַ סך זײַנען שיכּור. אָבער מע גייט דאָך נישט פֿירן קיין עראָפּלאַנען. מע טאַנצט.

אויף דער 120סטער גאַס, צוויי בלאָקן אָפּטאָון, גנבֿעט מען אַ קאַר. דער קאַר געהערט איינעם אַ טענצער. דעריבער וועט ער מוזן אַהיים צו פֿוס, מיט סקריפּענדיקע געלענקען און מוראוודיקע טריט. געקומען איז ער צו פֿאָרן מיט אַזאַ אויפֿגעהײַטערטן געמיט — ער וועט אַ הוליע טאָן! אַ טענצל גיין! — נאָר פֿאַרגעסן האָט ער צו פֿאַרשליסן די קאַרטירן...נאָר — מע זעט נישט פֿאָרויס. מע טאַנצט!

די שכנים בייזערן זיך אָן אויף יענע זײַט וואַנט. זיי הערן זיך נישט אַליין. מע סטראַשעט מיט דער פּאָליציי, נאָר דער פּאָליציי איז שוין נמאס דער גאַנסטער ריטואַל. מע דערהערט אַ מסירה פֿון דער 120סטער גאַס, קומט מען צו פֿאָרן פֿון פּרעצינקט, מע געפֿינט — וואָס געפֿינט מען אויס? עטלעכע מנינים יונגטלעכע וואָס טאַנצן. רחמנא לצלן. מ׳איז זיך מער שוין נישט מטריח.

דער דיסקדזשאָקי דרייט דיסקן. עס רינען די ריטמען דורך די ווענט, דער פּאַדלאָגע, דער סטעליע. די הילכערס וויגן זיך מעשׂה מתפּללים.

און די לידער? ווען מע הערט זיך אײַן צו זיי ביחידות, אויף אַ באַקוועמלעכן פֿאָטעל פֿון אַ לײַטישן סטערעאָ: אַלע נאָטן, ווערטער — באַנאַלע, שאַבלאָנסקע, ווי קיין איינציקן קאָמפּאָזיטאָר וואָלט נישט אײַנגעפֿאַלן נישט איבערצוקאָפּירן אַלציקעדינג פֿון יענעמס שלאָגערליד: ״אָ. אָ. אָ.. בייבי. בייבי. בייבי. כ׳וויל דיך איצטער. ממש איצטער. שוין דעם מאָמענט. פֿילסט דעם קלאַפּ? דעם קלאַפּ? דעם קלאַפּ? קלאַפּ? קלאַפּ?״

נאָר מע זיצט נאָך נישט אין קיין פֿאָטעל. מע הערט זיך נישט אײַן צו די ווערטער. מע לייענט דען פּאָעזיע? מע טאַנצט!

אויף דער 124סטער גאַס אויף די טרעפּ פֿון אַ סאָבוויי-סטאַנציע, מישט אונטער אַ קאַליקע אַ ביסל גלײַקאָל אין זײַן פֿלעשל בראָנפֿן. ער האָט אַ קוליע. נאָר איינע — דעם זיווג אירן האָט ער שוין אויסגענוצט אויף ברענשטאָף.

צווישן אַ מיידל און דער וואַנט טאַנצט אַ צווייטע מיידל — רחל — מיט איר נעבעכדיק פּנימל צו דער ערשטערס פּלייצעס. אַזוי פֿיל ליבע-געדאַנקען בײַ רחלען אין האַרצן, און פֿאָרט קומט איר אָן שווער אַרײַנצודרינגען אין יענערס שטיינערנעם האַרצן, פֿון דערקלערן זיך אין ליבע שוין אָפּגערעדט. די גאַנצע ליבע-קאַמפּאַניע — שווער ווי קריעות ים-סוף...פֿאַר די מצרים.

נאָר זי טאַנצט. הויך זינגט רחל. ס׳מאַכט נישט, יענע הערט נישט, יענע וויל נישט הערן. נאָר וואָס דען? זי זאָל נישט זינגען? די ווערטער, דווקא די באַנאַלע איבערקאָפּירטע ליבעלידער, זאַפּן אין זיך אײַן עפּעס אַ פּאָעטישן כּוח: ״בייבי בייבי בייבי... או או או...״ ס׳מאַכן זיך בײַ איר די אויגן צו מתּוך התלהבֿות.

דער דיסקדזשאָקי וויל אָנגעבן עפּעס אַ ידיעה, נאָר דעם מיקראָפֿאָן ווילט זיך איבערגעבן נאָר אַ קוויטשעניש מיט אַ סקריפּעניש מיט אַ פּײַפּעניש. טאָמער עפּעס וואָס וויכטיקס? מע טאַנצט! זאָלן די נישט־טענצער זיך פֿאַרנעמען מיט וויכטיקע ענינים אין רויִקערע רגעס.

נאָך אַ רגע און עס שטעלט זיך אָפּ אין גאַנצן די מוזיק. טענות פֿון אַלע זײַטן. ״היי! וואָסי׳? ווו׳ז מײַן מוזיק?״ דער דידזשיי צערעדט זיך:

״רחל. טעלעפֿאָן פֿאַר דיר. ס׳איז דײַן מאַמע.״

ער פֿאַרציט דעם ״אַ״ פֿון ״מאַמע״ און דער עולם צעכיכקעט זיך דערפֿון. רחל פֿאַררייטלט זיך. גראָד איצטער וואַרפֿט איר יענע אַ בליק. דאָס הייסט אַ בליק! האַלב אײַזן, האַלב אײַז, האַלב גיי־מיר־שוין־אין־דרערד־אַרײַן.

רחל אײַלט זיך דורכן מאָדנעם שטילשווײַגעניש צום טעלעפֿאָן און מעלדט זיך שטיל.

״יאָ, מאַמע?״

״ווו ביסטו?״

״אַ...די ביבליִאָטעק.״

״צען אויף דער נאַכט, אין דער ביבליִאָטעק? אָט אַזוי, טאָכטערשי. אַ ברכהלע אין דײַן קעפּעלע. לייען וויפֿל ס׳האַרץ גלוסט דיר. נאָר פֿאַרגעס נישט — מאָרגן אין דער פֿרי גייען מיר צוזאַמען אין שול אַרײַן.״

רחל טוט אַ שטילן זיפֿץ. דער טאַטע איז אַ ראַבײַ בײַ אַ קאָנסערוואַטיווער שול. ער האָט אַן אייגענע דירה און איז אַ פֿרומאַק ביז צעפּיקעניש, נאָר די מאַמע מיט רחלען ווינען ווײַט אָפּ, סײַ געאָגראַפֿיש, סײַ רעליגיעז. דאָך גייען זיי, די מאַמע מיט רחלען, צו מאָל אין שול אַרײַן, זיי זאָלן נישט פֿאַרשאַפֿן דעם טאַטן — און במילא דער קהילה — צו פֿיל עגמת־נפֿש.

״ווען וועסטו אַהיים?״

״באַלד, מאַמע. נאָך אַ צוויי־דרײַ...ביכער, און שוין.״

מע נעמט ווידער טאַנצן. בײַ רחלען אין דער האַנט ציטערט דאָס טרײַבל.

דער מאַמעס קול ווערט שאַרפֿער. ״וואָס הייסט ׳באַלד׳?״

״אַ שעה.״

״גוט. פֿאַרגעס נישט דײַן מאַנטל.״

זי הענגט אויף דאָס טרײַבל. איינע אַ חבֿרטע גיט איר אַ פֿרעג, אומפֿרײַנדלעך: ״וואָס האָסטו איבערגעגעבן דעם נומער? וואָס, ביסטו אַ מסר?״

* * *

די מאַמע האָט זיך שוין געהאַט געלייגט, נאָר זי גיט רחלען אַ שרײַ אויס וואָס דערגרעכט ביז צו דער פֿאָדערשטער

טיר: ״שוין אין דער היים! איצט קען איך שלאָפֿן...״

אַ טענצערקעס קאָפּ טוט אַ קלאַפּ אויפֿן קישן און עס חלומט זיך ביי רחלען דעם ראַבײַס:

אַ בימה אַ ברייטע באַפּוצט מיט בלומען. צוויי עמודן — אויפֿן רעכטן ליגט אַ ספֿר-תּורה.

רחל זיצט פֿון הינטן מיט די זקנים, אָבער פֿון דאָרטן זעט זי נישט ווער ס׳איז בעל-קריאה. שטעלט זי זיך אויף און גייט נענטער. שוין זעט זי אַ הויכן, ווי דער טאַטע, אַ געלבלעכן, ווי דער טאַטע, מיט מאָדנע קליינינקע אויערן, ווי ביים טאַטן. נאָר נישט דער טאַטע איז באַפֿלעקט מיט ברוין, נישט ער האָט טלאָען און אַ לאַנגן בערשטלדיק-צעשויבערטן עק.

הייסט עס, דער בעל-קריאה איז אַ דזשיראַף. דער גבאי, רחלס אַכזריותדיקע, האַלב משוגענע נישט-ליבע, זאָגט אויס בקול-רם: ״תּעמד רחלס מאַמע—״

איז די מאַמע אַרויף אויף דער בימה. זי מאַכט אָפּ די ברכות און די קאָנגרעגאַציע גיט אָפּ אַ גליקלעכן ״אמן,״ נאָר דער דזשיראַף נעמט נישט לייענען. מע צעמורמלט זיך. די גבאים שושקענען זיך און טיטשען דעם דזשיראַף, וואָס קוקט זיך ווײַטער אום און שווײַגט. ס׳רײַסט זיך רחל פֿון איר אָרט און גיט אַ שרײַ:

״אַ דזשיראַף רעדט נישט! וועלכער חכם האָט אויסגעקליבן אַ דזשיראַף פֿאַר אַ בעל-קריאה?!״

איצטער פֿאַרהוסט זיך דער דזשיראַף און נעמט טאַקע לייענען, אויסטערליש פֿייגליש שיין. די גבאים קרימען זיך אויף רחלען בעת דער בעל-קריאה וואָרקעט:

״וידבר השם אל רחל לאמר — ״נעם דעם דזשיראַף ער זאָל בעל-קריאה זײַן. הער נישט די נאַרישקייטן פֿון דײַן נאָמען-חבֿרטע ווײַל זי איז אַ טענצערקע אַ לא-יוצלח און וועט קיין מאָל נישט האָבן קיין געליבטע.״

״חזק!״ רופֿט זיך אָפּ די קאָנגרעגאַציע. ״אמת!״

נאָך די נאָך-ברכות רופֿט דאָס מיידל נאָך אַ מאָל: ״יעמד פֿרעד קאַלדוועל שני!״

רחל גיט אַ קלער. פֿרעד קאַלדוועל? דאָס איז זיכער נישט קיין ייִדישער נאָמען —

עס פֿאַראַדירט דער דיסקדזשאָקי דורכן זאַל צו דער בימה. מיט אַ מאָל — צי איבער דעם איבערוויגנדיקן כּוח פֿונעם דיסקדזשאָקיס כאַריזמע, צי צוליב דעם, וואָס דאָס שטילע זיצן אין שול איז שוין נמאוס געוואָרן, שטייט אויף די גאַנצע קאָנגרעגאַציע , רייענווײַז, און נעמט זינגען דאָס הויפּטליד פֿון ״ראַקי,״ אַ באָקסֿפֿילם. ס׳לויפֿט שוין דער דיסקדזשאָקי, מעשׂה אָלימפּישער אַטלעט. מיט ברען מאַכט ער מיט די פֿויסטן. מע אַפּלאָדירט. עס טוט דער דיסקדזשאָקי אַ שפּרונג איבער אַלע בימה-טרעפּ און לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ געשריי:

״או או או! לאָמיר אַלע טאַנצן!״

מע האָט טאַקע אַ חשק אַ טענצל צו גיין — ווײַבער נעמען אַראָפּ די היט, קינדער — די שיך. נאָר אויף אַן אומגעריכטן אויפֿן האָקט פֿרעד אָפּ די נאָר וואָס געבוירענע שׂמחה מיט אַ האַנט און אַ וואָרט. ״קודם וויל רחלס מאַמע כאַפּן אַ שמועסל מיט איר טאָכטער.״

מע צעפּײַפּט זיך. פֿינגער טײַטלען אויף רחלען. פֿרעד טופּעט אומגעדולדיק מיט די פֿיס. די מאַמע גייט צו צו רחלען און טוט אַ זאָג: ״צײַט אויפֿצושטיין, טאָכטערשי, און אין שול אַרײַן...״

* * *

אַ בימה אַ ברייטע, באַפּוצט מיט בלומען. רחל — אין אַן אומבאַקוועמלעכן גרוי קליידל און אַ בראַזיער, וואָס עס בײַסט איר דערפֿון. איר היטל געפֿינט זיך נישט קיין אָרט. די מאַמע טראָגט פּערל און אַן עלעגאַנטע אָוונטקלייד, ווי זי גייט אויף אַ באַל. ס'איז נישט פּאַסיק. מע טײַטלט מיט די פֿינגער. "זע, ווי די רעבעצין גייט."

דער שמש זאָגט רחל אַז זי וועט זײַן בעלת-קריאה. נישט צופֿיל ליב האָט זי דער שמש, און ער ווייסט די ווינציקייט פֿון איר עבֿרי. קוים קוים וואָס זי קריכט אַדורך אַן עליה אָן צו פֿאַרדרייען די ווערטער. זי וויל זיך אָפּזאָגן, נאָר דער טאַטע וועט זיך קווען פֿון אַזאַ דעמאָנסטראַציע.

סוף-כּל-סוף איז רחל פּנים אל פּנים מיטן ספֿר-תּורה, וואָס באַטראַכט זי מיט זײַנע אינסעקטן-אותיות. לינקס און רעכטס — גבאים. פֿון הינטן — דער שמש. מסתּמאָ לאַכט ער אין אַרבל. רחל וויל שוין לייענען, אַבי אָפּצושפּילן וואָס גיכער די בושה, נאָר קודם וויל דער טאַטע (דער ראַבײַ, הייסט עס) זאָגן עפּעס תּורה. ווי בײַ אַ סך אַנדערע ראַבײַס, איז דאָס שײַכות צו דער פּרשה קנאַפּ. דער טאַטע הייבט אָן צו רעדן וועגן רחלען. "מע וויל נישט צוגעבן אַז די הײַנטיקע קינדער זײַנען פּונקט אַזוי אינספּירירנדיק ווי די, וואָס פֿון זיי זײַנען נולד געוואָרן אונדזערע גרעסטע רבנים און גאונים. מײַן רחל איז אַ בײַשפּיל." ער גיט אַ מאַך אין רחלס ריכטונג מיט אַ געלער, דאַרער האַנט. "זי זיצט גאַנצענע טעג אין ביבליאָטעק און לערנט, מיט אַזאַ התמדה..."

דער עולם שווײַגט. דער שמש גיט אַ קרעכץ און איז מכבד די מיטזיצער אויף דער בימה מיט אַ געגעץ.

ענלעך רופֿט מען אויף עמעצן — עס גייט רחלען נישט אָן ווער. בשעת מע ברכהט כאַפּט זי אַ לעצטן בליק אויפֿן תּיקון-לקוראים. אַ ציטערנדיקן "אמן," און זי לאָזט די אויגן אַראָפּ אין דעם פּאַרמעטענעם, מדברדיקן אותיות-ים.

ס'ווילט זיך איר מיטאַמאָל חלשן. זי לייענט פֿליסיק, ווי נאָך קיין מאָל פֿריִער. נאָר וו אָ ס זי לייענט! זי גלייבט נישט די אויערן, די אויגן. אָבער סע שטייט דאָך בפֿירוש געשריבן:

"אָז ישיר משה ובֿני ישׂראל: בייבי בייבי בייבי לאָמיר אַלע טאַנצן פֿילסט דעם קלאַפּ, בייבי? טאַנץ מיט מיר! שווייס איז דאָך זיסער פֿון פֿלוימען און מאַראַנצן און דײַן בליק איז מיר ליבער ווי ביר...

פּרעה האָט פֿאַרצײַטנס אַ פּליוך געטאָן אין ים און מיר טאַנצן הײַנט מיט אַ ראָקנראָל-טעם!"

רחל כאַפּט בשתּיקה אַ קוק אויף דער קאָנגרעגאַציע צווישן פּסוקים. נאָר זי דרעמלט. קיינער ווײַזט נישט אַרויס דעם מינדסטן סימן פֿון שאָק. די מאַמע, אין דער ערשטער ריי, שמייכלט ווייך און שאָקלט פֿאַרחלומטערהייט מיטן קאָפּ. אַ מיידל, שיין און עפּעס איר באַקאַנט, גנבֿעט זיך צו צו דער מאַמען און נעמט בײַ איר אָפּ די פּערל. זיי אָנגעטאָן אויף זיך, נעמט זי טאַנצן ווילד, בהרחבֿה. ווי נישט איז ווייסט רחל, אַז דאָס אָ מיידל וועט באַלד נעלם ווערן. נאָר וואָס קען זי טאָן? זי מוז לייענען. לייענט זי.

מפֿטיר. אָפּגעליינט. זי גיט אַ קוק פֿון דער בימה אַרויס — אויס מיידל. זי גייט צוריק צום אָרט. "ישר-כּוח, ישר-כּוח," הערט זי. אויס מיידל, קלערט זי. אויס מיידל!

די מאַמע באַוווּנדערט איר בקיות אין לייענען.

רחל קען נישט וואַרטן ביז נעקסטן פֿרײַטיק.